# משיחת ש״פ וישלח תש״ל

ד. בהמשך צו וואס מ'האט גערעדט אין באמר אז יעקב איז שוין געווען גרייט אויף דעם ענין פון ועלו מושיעים בהר ציון, מצד דערוף וואס התקין עצמו לג' ענינים, איז אויך דא א רש"י וואס ער ברענגט אראפ דעם ענין פון התקין עצמו לג' ענינים.

רש"י (לב,ט) שטעלט זיך אויף דעם וואס יעקב האט געזאגט "והי' המחנה הנשאר לפליטה", און איז מפרש: "ע"כ כי אלהם עמו אז אויב עס וועט זיין דער ענין פון יבוא עשו אל המחנה האחת והכהו, וועט זיין דער ענין פון המחנה הנשאר לפליטה בעל כרחו פון עשו, ווארום יעקב וועט מלחמה האלטן מיט אים. דערנאך איז רש"י ממשיך, אז לכאורה שטייט פריער אז יעקב האט זיך געגרייט אויף דעם ענין פון למצוא חן בעיני אדוני, איז ווי קומט דא דער ענין פון מלחמה, איז אויף דעם רש"י מפרש: התקין עצמו לג' דברים לדורון לתפלה ולמלחמה, לדורון ותעבור המנחה על פניו, לתפלה אלקי אבי אברהם, למלחמה והי' המחנה הנשאר לפליטה".

כאמור כמה פעמים, איז ענינו פון רש"י אויף מפרש זיין פשוטו של מקרא, ווי רש"י אליין זאגט כמה פעמים "אני לא באתי לפרש אלא פשוטו של מקרא", און ס'איז ניט ענינו פון רש"י מעתיק זיין מדרשים, און דארטן וואו רש"י ברענגט יע אראפ פון מדרש, איז דאס ווייל ס'איז נוגע לפשט. וואס דערפאר זעט מען כמה פעמים אז רש"י איז משנה פון דעם לשון המדרש, און ניט נאר משנה אין סגנון, נאר איז משנה אויך אן ענין וואס איז נוגע לתוכן הענין. וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז אפילו בשעת רש"י איז ניט משנה פון לשון המדרש, איז דאס ניט דערפאר ווייל רש"י איז מעתיק מדרשים, נאר ווייל דאס איז נוגע אין פשט. און ווי רש"י זאגט אליין דעם כלל אז הדרש ידרש, און אני לא באתי לפרש אלא פשוטו של מקרא.

אין פשט גופא זיינען אויך פאראן צוויי חלקים, פשט און הלכה, איז ענינו של רש"י ניט הלכה, נאר פשט אליין, און ווי עס שטייט אין די כללי הפוסקים, אז רש"י בפירושו, אפילו בפירושו אויף גמרא, איז א פרשן און ניט קיין פסקן, - ניט ווי בשו"ת שלו וואו ער איז אויך א פוסק.

לפי זה שטעלט זיך א שטארקע שאלה (וואס איך ווארט שוין א לאנגע צייט אז מ'זאל פרעגן די שאלה): אין דעם אלטן רבי'נס שו"ע (אויך אין ענין וואס האט א קשר מיט היינט, ווארום ס'איז) אין אנהויב הלכות שבת (סי' רמ"ב) און אין דעם ערשטן קו"א, ברענגט ער אראפ צוויי דיעות וואס ס'זיינען דא בנוגע מצות עונג שבת, צי עס איז מדאורייתא צי מדרבנן, און ער זאגט אז דעת הרמב"ם איז, אז דאס איז נאר מדרבנן, און די מצוה איז בלויז שלא להתענות בשבת, משא"כ דעת רש"י איז אז עונג שבת איז מדאורייתא, ווי מ'זעט פון דעם וואס רש"י איז מפרש אויפן פסוק זכור את יום השבת, אז מ'דארף האבן עונג שבת.

וואס

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 239 הודפס ע"י אוצר

וואס דאס איז אינגאנצן ניט פארשטאנדיק לויט ווי מען רעדט אז פירוש רש"י איז דאס נאר אן ענין פון פשט און ניט קיין ענין פון הלכה, איז פארוואס זאגט דער אלטער רבי אז פון פירוש רש"י איז מובן אין הלכה אז עונג שבת איז מדאורייתא?

בנוגע פירש"י דא איז ניט מובן:

א) פארוואס זאגט רש"י אז דער פירוש פון "והי' המחנה הנשאר לפליטה" איז "על כרחו כי אלחם עמו" - דער פירוש הפשוט פון לפליטה איז, אז מ'וועט אנטלויפן, און ניט אז מען וועט מלחמה האבן, און אזוי לערנען טאקע אלע פשטני המקרא.

איז דאך ניט פארשטאנדיק פון וואנעט נעמט רש"י צו-זאגן אז דער פירוש דא איז "על כרחו כי אלחם עמו", אז ער וועט מלחמה האבן?

מען קען ניט זאגן אז דאס איז מצד דערויף וואס עס שטייט דער לשון "והי'", וואס איז א לשון ודאי, ובמילא מוז זיין דער פירוש אז די מחנה הנשאר וועט זיכער זיין לפליטה, וואס דערפאר דארף רש"י לערנען אז "ע"כ כי אלחם עמו", אז מצד די מלחמה איז דאס א ודאי - ווארום מ'געפינט כמה פעמים בתורה אז דער לשון והי' איז א לשון ספק און ניט קיין ודאי, אויב דאס שטייט נאך אן ענין וואס אויף דעם איז געשטאנען "אם",

ווי מ'זעט דאס אין תפלת יעקב גופא אין פרשת ויצא, וואס דארטן שטייט (כב,כא) והי' האבן הזאת מצבה, בלשון ודאי, אעפ"כ איז דאס בלויז א ספק, ווייל דאס קומט בהמשך צו וואס עס שטייט פאר דעם "אם יהי' אלקים עמדי",

האט דאך רש"י געקענט לערנען די זעלבע זאך דא, אז וויבאלד "והי' המחנה הנשאר לפליטה" קומט בהמשך צו "אם יבוא עשיו אל המחנה האחת והכהו", איז דער פירוש אז דער "אם" גייט אויך אויף והי' המחנה הנשאר לפליטה. איז פון וואנעט וויים רש"י צו זאגן אז דאס איז א זיכערע זאך מצד דעם וואס אלחם עמו?

נאך מער: מ'זעט אז דער מדרש (און די גמרא) לערנט אויך ניט אזוי, ווארום עס שטייט אין מדרש (ב"ר עו) לימדך תורה ד"א שלא יהא אדם נותן כל ממונו בזוית אחת, ד.ה. אין איין בידנעס, ווייל מ'קען עס פארלירן, נאר מ'זאל אריינ-לייגן האלב אין איין בידנעס און האלב אין א צווייטע, און מ'לערנט דאס ארויס פון דאנעט אז יעקב האט געמאכט צוויי מחנות כדי עס זאל זיין המחנה הנשאר לפליטה, (וואס דאס איז ווי די גמרא (ב"מ מב,א) זאגט לעולם ישליש אדם את מעותיו שליש בקרקע שליש בפרקמטיא ושליש תחת ידו). זעט מען דאך אז די גמרא לערנט אויך אז דער פירוש איז אז בשעת עד וועט זיך שלאגן מיט איין מחנה, וועט דערווייל די אנדער מחנה אנטלויפן, איז פון וואנעט נעמט רש"י צו זאגן אז דאס מיינט מלחמה האבן?

ואדרבה

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 240 הודפס ע"י אוצר

ואדרבה: רש"י וואלט גארניט געדארפט מפרש זיין, וואלט מען אליין פארשטאנען אז בעת עשיו וועט אנפאלן אויף איין מחנה וועט די צווייטע מחנה אנטלויפן.

דאס איז די כללות'דיקע שאלה. דערנאך זיינען ניט מובן נאך כמה פרטים אין פירוש רש"י:

ב) פארוואס ברייננגט רש"י א ראי' אז יעקב האט זיך געגרייט אויף דורון פון דעם פסוק ותעבור המנחה על פניו - דער ענין פון מנחה שטייט אין דער פרשה כמה פעמים פאר דעם פסוק, איז פארוואס ברייננגט רש"י אראפ דוקא פון דעם פסוק וואס שטייט ווייטער, און ניט פון די פריערדיקע פסוקים?

ג) רש"י ברייננגט א ראי' לתפלה פון דעם פסוק אלקי אבי אברהם, אבער אין מדרש ברייננגט ער דעם פסוק הצילני נא; אעפ"י אז מ'וואלט געקענט זאגן בדוחק אז רש"י ברייננגט התחלת התפלה, און דער מדרש ברייננגט די נקודה פון די תפלה, וואס נקודתה איז דאך הצילני נא מיד אחי מיד עשיו, איז אבער אין פשטות האט געדארפט זיין פארקערט - אז רש"י וואס ער איז מפרש פשוטו של מקרא, האט געדארפט זאגן די נקודה פון די תפלה, און דער מדרש האט געדארפט זאגן די התחלה, איז פארוואס ברייננגט רש"י אלקי אבי אברהם?

ד) פארוואס דארף רש"י ברייננגען א ראי' למלחמה והי' המחנה הנשאר לפליטה, לכאורה האט ער דאך ערשט (בהתחלת דבור זה עצמו) געזאגט אז דער פסוק גייט אויף מלחמה, האט דאך רש"י נאר געדארפט זאגן כדלעיל, אדער גארניט זאגן, איז פארוואס דאדף רש"י נאך אמאל אראפברייננגען דעם פסוק?

ה) דער סדר אין וואס רש"י זאגט די פסוקים איז ניט לפי הסדר ווי זיי שטייען אין פסוק, וואס פריער שטייט והי' המחנה הנשאר לפליטה און דערנאך שטייט אלקי אבי אברהם און דערנאך שטייט ותעבור המנחה על פניו, איז פארוואס ברייננגט רש"י דאס ניט לפי הסדר?

נאך מער: אין וידא (יח,כג) וואו רש"י ברייננגט אויך די דריי ענינים לגבי ויגש אברהם, זאגט ער זיי לפי הסדר ווי זיי שטייען אין די פסוקים, איז פארוואס דא ברייננגט דאס ניט רש"י לפי סדר הכתובים?

ו) פארוואס זאגט רש"י דעם לשון "התקין עצמו לשלשה דברים", אין וירא וואו ער ברייננגט אז ביי אברהם איז אויך געווען די ג' ענינים ווען ער האט מתפלל געווען פאר סדום ועמורה, זאגט ער דעם לשון "ולכל אלה נכנס אברהם"?

אעפ"י אז מ'האט מבאר געווען (בש"פ וירא) אז דארט האט אברהם לפועל געטאן אלע זאכן, און דא איז געווען בלויז התקין, ווארום לפועל איז קיין מלחמה ניט געווען, איז אבער ניט מובן פארוואס רש"י זאגט דעם לשון "התקין", ער האט געדארפט זאגן "הכין", ווארום התקין איז דאס ווי דער לשון

תיקון



הנחת הת' בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 241 הודפס ע"י אוצ

אוצר החכמה

תיקון סופרים וואס רש"י זאגט אין וירא (שם כב), אויף ואברהם עודנו עומד לפני ה׳, וואס איז משמע אז מ׳האט עפעס איבערגעמאכט, האט ער דא לכאורה געדארפט בעסער זאגן דעם לשון הכין עצמו לג׳ ענינים?

ז) בשעת רש"י ברייגגט דעם פסוק ותעבור המנחה על פניו, פארוואס דארף ער אראפברייגגען די ווערטער "על פניו", לכאורה וואלט געווען גענוג אז רש"י וואלט געזאגט ותעבור המנחה?

די אלע ענינים דארפן זיין מוכרח עפ"י פשטות הכתובים, און עס האט קיין ארט ניט פארענטפערן ווי אנדערע ווילן לערנען, אז וויבאלד דער מדרש זאגט התקין עצמו לג׳ דברים, כולל אויך מלחמה, דערפאר דארף רש"י זאגן אז דער פירוש איז כי אלחם עמו, ווארום אויב ניט איז ניטא דער ענין פון מלחמה אין פסוק. קען מען אזוי ניט זאגן, כאמור כמה פעמים, אז רש"י דארף ניט פארענטפערן קיין מדרשים אין זיין פירוש, און ער זאגט נאר וואס ס׳איז מוכרח אין פשטות הכתובים, ובפרט אז דער קינד האט ניט געלערנט קיין מדרש ובמילא ווייס ער ניט וואס ס׳שטייט אין מדרש; נאר אלע ענינים אין פירוש רש"י דארפן זיין מוכרח דוקא עפ"י פשטות הכתובים. וכפי שיתבאר לקמן.

ד. דער ביאור אין פירוש רש"י בקיצור איז: היות אז דא זאגט רש"י דעם לשון "התקין עצמו", וואס דער לשון התקין איז דאס מלשון תיקון סופרים, וואס מיינט אז דא האט יעקב זיך עפעס איבערגעמאכט, מוז מען זאגן אז דא איז געווען אן ענין וואס איז היפך עניינו של יעקב.

דערפאר בשעת רש"י זאגט אז התקין עצמו לדורון, קען ער ניט ברייגנען די ראי' פון למצוא חן בעיני אדוני, ווארום דאס איז ניט קיין ענין פון היפך עניינו, דאס איז אזוי ביי יעדערן, אז מ'גיס יענעם א מנחה אויף מפייס זיין איס; דערפאר ברייגנט רש"י פון ותעבור המנחה על פניו, וואס דארט איז רש"י מפרש אז על פניו מיינט "אף הוא שרוי בכעס שהי' צריך

לכל זה

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 245 הודפס ע"י אוצ

לכל זהו" - אז דאס איז געווען על אפו ועל חמתו, אז יעקב האט דאס ניט געוואלט, און אעפ"כ האט ער דאס געטאן; און דאס איז אן ענין פון התקין, אז ער האט זיך איבערגעמאכט און האט געטאן היפך ווי ער האט געוואלט.

אזוי אויך בנוגע תפלה, וואס רש"י ברייננט דעם פסוק אלקי אבי אברהם, ווייל אויף דעם איז רש"י מפרש אז יעקב האט געמאנט פון דעם אויבערשטן אז ער זאל מקיים זיין די הבטחות וועלכע ער האט אים צוגעזאגט אז ער וועט אים היטן, וואס דאס איז דאך ניט ענינו פון יעקב צו מאנען,

ווי מ'געפינט ביי יעקב אז ער האט געזאגט (ויצא כח,כ) אם יהי' אלקים עמדי ושמרני וגו', וואס לכאורה האט יעקב גלייך פאר דעם געהערט א הבטחה פון דעם אויבערשטן, כמ"ש (שם, יג) והנה ה' נצב עליו ויאמר וגו' ושמרתיך, איז פארוואס האט נאך דעם יעקב געזאגט אם יהי' אלקים עמדי ושמרני, זעט מען אז אעפ"י יעקב האט געהאט א הבטחה פון דעם אויבערשטן, האט ער אבער ניט געמאנט ביי דעם אויבערשטן,

[ביי אברהם געפינט מען אז ער האט געמאנט ביי דעם אויבערשטן - בנוגע סדום ועמורה, משא"כ יעקב האט ניט געמאנט],

דא איז אבער געווען דער ענין פון התקין עצמו, אז ער האט געטאן היפך ענינו, און האט געמאנט ביי דעם אויבערשטן. וואס דערפאר ברייננט רש"י דעם פסוק, ווייל דא זעט מען ווי ס'איז געווען דער התקין עצמו.

דערפאר חזר'ט אויך איבער רש"י נאך אמאל דעם פסוק והי' המחנה הנשאר לפליטה, אויף צו מדגיש זיין אז דא איז אן ענין וואס איז געווען התקין עצמו - ווייל בכלל איז א מלחמה קען מען ניט זיין זיכער צי מ'וועט מנצח זיין, און דא האט יעקב געזאגט אז ער וועט מלחמה האלטן און זועט זיכער מנצח זיין, אז עס וועט זיין לפליטה על כרחו,(ווארום באטש יעקב האט געהאט די הבטחה, פונדעסטוועגן איז געווען התקין עצמו למלחמה), וואס דאס אלץ איז דער ענין פון התקין.

עפי"ז איז אויך מובן פארוואס רש"י איז משנה דעם סדר און ברייננט אראפ פריער דעם פסוק פון ותעבור המנחה און דערנאך אלקי אבי - תפלה, און ערשט דערנאך והי' המחנה הנשאר לפליטה - מלחמה, אעפ"י אז דאס איז ניט לפי סדר הפסוקים, ווייל דאס וואס רש"י ברייננט די פסוקים, איז דאס ניט ווייל דאס איז דעם עדשטן מאל וואס עס ווערט דא דערמאנט, נאר כנ"ל ווייל זיי באווייזן אויף התקין, אבער אז ער האט געטאן די ענינים שטייט שוין פריער אויך, ומובן אז דער סדר ווי עס איז געווען בפועל איז:

די ערשטע זאך וואס מ'טוט איז זוכן מפייס זיין יענעם. וואס דערפאר איז מובן אז ער האט די ערשטע זאך געשיקט א מנחה, ווי עס שטייט טאקע די ערשטע זאך למצוא חן בעיני אדוני, (כנ"ל אז אעפ"י רש"י ברייננט דעם פסוק ותעבור המנחה, איז דאס ווייל דא זעט מען אז התקין, אבער די עצם זאך אז ער האט געשיקט א מנחה זעט מען גלייך פון למצוא חן בעיני אדוני), דערנאך



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 246 הודפס ע"י אוצר

דערנאך קומט דער ענין פון תפלה, אעפ"י אז מצד הפסוקים קומט פריער דער ענין פון מלחמה, איז אבער מובן אז פאר מען גייט אין מלחמה איז מען מתפלל, וכש"כ יעקב האט דאך זיכער מתפלל געווען פאר ער האט זיך געגרייט אויף מלחמה, [וואס דאס ווייס אפילו א בן חמש למקרא, אז בשעת ער גייט זיך שלאגן מיט א צווייטן אינגל טרייסלט ער זיך],

וואס דערפאר זאגט רש"י פריער תפלה, ווארום דאס קומט דאך פאר א מלחמה. אבער דאס דארף ניט זיין פאר מ'גיט א מנחה, ווארום געבן א מנחה איז אן ענין פון דרך הטבע וואס מ'דארף אויף דערוף ניט מתפלל זיין, אבער פאר מ'גייט אין מלחמה איז די ערשטע זאך תפלה.

דאס וואס רש"י טייטשט על כרחו כי אלחם עמו, און ניט אז מ'וועט אנטלויפן, ווארום ס'איז דאך פארשטאנדיק אז מ'הויבט זיך אן גרייטן פאר מלחמה בשעת מ'קומט נאענט צו דער מלחמה, אבער עס לייגט זיך ניט צו זאגן אז מ'הויבט אן גרייטן מיט א פאר טעג פריער פאר מ'קומט נאענט צו דער מלחמה, ובפרט אז דא האט מען געדארפט איבערגיין דעם מעבר יבק, וואלט יעקב זיך ניט אנגעהויבן גרייטן אויף די מלחמה פאר דעם וואס ער גייט איבער מעבר יבק.

וואס דערפאר געפינט מען טאקע אז יעקב האט צעטיילט די שתי מחנות בלייך פאר די מלחמה, ווי דער פסוק (לג,א) זאגט ויחץ את הילדים על לאה ועל רחל ועל שתי השפחות, און דער צעטיילונג איז געווען אין אן אופן ווי עס שטייט ווייטער וישם את השפחות וגו' ראשונה ואת לאה וגו' ואת רחל ואת יוסף אחרונים (וכפרש"י אז דאס איז ווייל אחרון אחרון חביב).

עפ"ז אז דער ויחץ איז געווען בלויז אז ער האט צוטיילט די ווייבער און קינדער וכו', קען מען ניט זאגן אז לפליטה מיינט אנטלויפן, ווארום דא זיינען אלע געווען צוזאמען און איינער איז בלויז געווען נאך דעם אנדערן, בלויז אביסל אפגערוקט, און דאס טוט גאר ניט אויף אז מען זאל קענען אנטלויפן, ווארום עשו וואלט געקענט אלעמען הרג'ענען צוזאמען.

דערפאר קען רש"י ניט לערנען ווי די גמרא לערנט פון דעם אפ אז מ'זאל ניט לייגן די גאנצע געלט אין איין זוית, ווייל די גמרא לערנט אז דא מיינט אנטלויפן - נאר ער מוז לערנען אז דא איז געווען דער ויחץ את העם בכדי אז ס'זאל זיין דער אלחם עמו, ווי רש"י זאגט (שם, ג) "אמר אם יבוא אותו רשע להלחם ילחם בי תחלה" - וואס דעמאלט וועט קענען זיין דער לפליטה.

ווארום יעקב איז געווען בטוח מצד דער הבטחה אז עס וועט זיין א מחנה לפליטה, און ע"כ - כי אלחם בו, ווארום יעקב אליין וועט גיין מלחמה האלטן מיט עשו'ן, וועט א

מחנה

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 247 הודפס ע"י אוצ

אוצר החכמה

מחנה זיכער זיין לפליטה אָן א ספק; ער האט ניט געוואוסט ווער, ווארום אויף זיך אליין האט יעקב מורא געהאט שמא יגרום החטא, ועד"ז בנוגע די אנדערע, האט ער ניט געוואוסט ווער, אבער ער איז געווען בטוח אז עם ישראל דארף ארויסקומען און עס וועט זיכער זיין לפליטה.

אוצר החכמה

עפי"ז איז אויך מובן וואס עס שטייט התקין עצמו למלחמה, ווייל ער האט זיך אליין געגרייט אויף מלחמה האבן מיט עשו´ן.

דאס איז אויך פארבונדן מיט דעם וואס יעקב האט געשטעלט יוסף´ן לאחרונה, וואס דעריבער איז ער געווען בטוח אז המחנה הנשאר [ד.ה. די לעצטע] וועט זיין לפליטה, ווארום ווי רש"י האט פריער געזאגט (ויצא ל,כה) אז עשו איז קש און יוסף להבה, וואס דערפאר בשעת יוסף איז געבארן געווארן האט יעקב מער ניט מורא געהאט פאר עשו´ן, ובמילא איז ער געווען זיכער אז יוסף מיט רחל וועלן זיין לפליטה, האט ער דערפאר געזאגט והי´ המחנה הנשאר לפליטה.

עפי"ז זיינען מובן אלע דיוקים אין פירוש רש"י, אז רש"י מוז לערנען אז דא מיינט מען למלחמה, ווארום וויבאלד אז אלע זיינען צוזאמען קען מען ניט אנטלויפן, און דאס איז באופן ודאי מצד די הבטחה, און וויבאלד רש"י זאגט התקין עצמו לג´ ענינים, ברייננט ער פסוקים וואס ווייזן אויף התקין.

דאס איז אויך די הוראה לכל אחד ואחד, אז בשעת מ´דארף ראטעווען אידישע קינדער פון עשו´ן, מוז דאס זיין אין אן אופן פון התקין, אז ער מוז זיך איבערמאכן, און ניט גיין אין דעם וועג ווי ער איז איינגעוואוינט ביז יעצט. עס איז ניט גענוג מאה פעמים, נאר עס דארף זיין מאה פעמים ואחד, זיך איבערמאכן אז ער זאל גיין אָן קיינע חשבונות, ווארום גיין מיט א חשבון, איז ניט קיין וועג ווי מען ראטעוועט פון עשו´ן,

און דוקא אז ער גייט אין אין אופן פון על כרחו, אז ער גייט אָן א חשבון, אבי אוועקנעמען אידישע קינדער פון עשו´ן, דאס פועל´ט אז מען נעמט אוועק עשו´ן און עס ווערט דער ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו, בביאה משיח צדקנו בקרוב ממש.

=========================

הנחת הת´ בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 248 הודפס ע"י או